טעגליכע בלעטל מאנסי אומגעגנט - סקווירא

# לוח הציבור

מאנסי

T: 845.425.4300 E: ads@monseyluach.com

Subscribe: subscribe@monseyluach.com

זונטאג פרשת תרומה - כ"ח שבט תשפ"ו — Sunday, February 15, 2026


## זמנים

| | היינט | מארגן |
|---|---|---|
| עלות השחר: | 5:39 | 5:37 |
| נץ החמה: | 6:51 | 6:49 |
| סו"ז קר"ש מג"א: | 8:54 | 8:53 |
| סו"ז קר"ש גר"א: | 9:30 | 9:29 |
| סו"ז תפלה מג"א: | 9:59 | 9:59 |
| סו"ז תפלה גר"א: | 10:23 | 10:23 |
| חצות: | 12:10 | 12:10 |
| מנחה גדולה: | 12:43 | 12:43 |
| מנחה קטנה: | 3:59 | 4:00 |
| שקיעה: | 5:31 | 5:32 |
| צאה"כ ר"ת: | 6:43 | 6:44 |

## שיעורים

| תהלים | דף היומי | עמוד יומי | דף הירושלמי | הלכה יומית |
|---|---|---|---|---|
| קלה -קלט/קלו-קמ | מנחות לה | פסחים קו: | גיטין כו | או"ח קנג, כא - קנד, א |
| **משנה** | **מ"ב עמוד יומי** | **מ"ב - דרשו** | **מצוה יומית** | **תניא** |
| כריתות א, ב-ג | ח"ה קמד: | שס"ג י"ג - ט"ו | תמד. אכילת מע"ש יצהר בחוץ | פכ"ט. אך - בצדיקים |

## וועטער

| היינט | מארגן |
|---|---|
| 44°-28° | 43°-31° |
| טיילוויז פארוואלקענט | מערסטענס פארוואלקענט |


מיללער שטריימל

SALE

# היינט איז דער לעצטע שאנס.

## א נייע פראכטפולע שטריימל קען נאך זיין דיינס.

שטופ עס נישט אפ. קום יעצט אריבער.

ספעציעלע פארלענגערטע שעות

מיללער געשעפט

100 ROUTE 59

אפען היינט פון 1:00 ביז 10:30 ביינאכט

שטריימל עקספא!

$999

ענדלאזע אויסוואל פון פראכטפולע שטריימלעך אנגעהויבן אזוי ביליג ווי

שתצילנו

היום ובכל יום

מעין הר"ע

א שמירה היינט

א שמירה יעדן טאג

השפעות אויף א כסדר'דיגע פארנעם

מפעל עיני ישועה

טוב עין הוא יבורך

רופט שוין

845.262.0767

subscribe@einyyeshuah.org

# שמחות

טעגליכע שמחה דערמאָנונגען

צו מעלדן אייער שמחה ביטע רופט:
**845.425.4300**

מזל טוב! **א שמחה אין מאנסי?**

דערמאַנט אייערע באַקאַנטע דורך עס מעלדן דאָ אינעם טעגליכן "לוח הציבור".

## שידוכים

החתן אהרן נ״י
בן מוה״ר **נתן פערסטער** הי״ו
מאנסי

**עב״ג**
שדכן: **ר׳ ישראל אלימלך אדלער - בארא פארק**

הכלה שתחי׳
בת מוה״ר **משה יודא דרעזדנער** הי״ו
לעיקוואד

---

החתן אהרן יודא נ״י
בן מוה״ר **ישראל מרדכי וועבער** הי״ו
מאנטריאל

**עב״ג**
שדכן: **אשת ר׳ יהושע וועבער בארא פארק**

הכלה שתחי׳
בת מוה״ר **יצחק וועבער** הי״ו
מאנסי

---

החתן צבי מאיר נ״י
בן הרב **פנחס שלום ראטטענבערג** שליט״א- ב״פ
בן כ״ק אדמו״ר מקאסאן לעיקוואד שליט״א
חתן כ״ק אדמו״ר מקאזעווע שליט״א

**עב״ג**

הכלה שתחי׳
בת הרב **אלטר יעקב כהנא** שליט״א - מאנסי
בן כ״ק אדמו״ר מנצח מנחם ספינקא שליט״א
חתן כ״ק אדמו״ר מקאסאן שליט״א

---

החתן אשר אנשיל נ״י
בן מוה״ר **יעקב יצחק אייזיק הירש** הי״ו
ווילאמסבורג

**עב״ג**
שדכן: **ר׳ הלל מנשה מארמארשטיין - ווימ״ס**

הכלה שתחי׳
בת מוה״ר **יעקב יצחק אבערלאנדער** הי״ו
מאנסי

## תנאים

החתן ישראל נ״י
בן מוה״ר **אליעזר זוסיא גלאטצער** הי״ו
בן מוה״ר אברהם ברוך הי״ו
חתן מוה״ר יעקב מאיר פאגעל הי״ו

**באולם ניקלשבורג**
6 Milton Pl.

הכלה שתחי׳
בת מוה״ר **הלל צימענד** הי״ו
בן מוה״ר יהודה לייבוש הי״ו
חתן מוה״ר ראובן גרייפמאן הי״ו

## וואכנאכט

מוה״ר **יואל קרומאן** הי״ו בן מוה״ר אברהם שלמה הי״ו חתן מוה״ר משה ציפער ע״ה | **בביתו** 62 Suzanne #214

■ הברית מילה למחרתו **בביהמ״ד סאטמאר** 1 Monsey Blvd. ■

## הולדת הבת

מוה״ר **מאיר הורוויץ** הי״ו
בן מוה״ר מנחם צבי ע״ה הי״ו | חתן מוה״ר ישי בערגער הי״ו

## Emergency Numbers

| | |
|---|---|
| Emergency | 911 |
| Fire | 845.425.9300 |
| Hatzalah - הצלה | 845.425.1600 |
| מצילי אש | 845.426.9111 |
| Dror - דרור | 855.376.7911 |
| ביה"ח/ גחש"א הר שלום | 845.400.2227 |
| ערשטע הילף דשיכון סקווירא | 845.354.0222 |
| Chaveirim - חברים | 845.371.6333 |


**לוח הציבור בארא פארק:**
**718.303.4300**
**mail@LuachHatzibur.com**
**לוח הציבור לעיקוואד:**
**732.696.4300**
**ads@lakewooddaily.com**

# ואהל ישרים יפריח!

# עלי' לציון

על מקום מנוחתו פון

## כ"ק מרן אדמו"ר מחוסט זצוק"ל

אין דער בית החיים הר שלום עידמאנט נ"י
בחלק של קהילת חוסט

יומא דהילולא קדישא

ב' תרומה **כ"ט שבט** ערב ר"ח אדר

**אהל איז אפן 24 שעה**

תיקון ומסיבת לחיים
לרגל היארצייט אין א
באזונדערע שאטער אין די פארקינג לאט

**עלי' לציון ברב עם**
בראשות הגה"צ אבד"ק חוסט שליט"א
**יום שני פ' תרומה**
**בשעה 10:00 בבוקר**

תפלת שחרית בבית מדרשינו בשעה 7:00
יסע מבית מדרשינו בשעה 8:30 בבוקר
פאר טראנספארטאציע פון ב"פ רופט
718-809-0176

סדר היום

אמירת תהילים

לימוד משניות

תפלת הרה"ק
ר' מרדכי מנדבורנא זצוק"ל
ערב ראש חדש






## גדולים צדיקים במיתתם יותר מבחייהם.

די צדיקי הדור, די עיני העדה, וואס 'בחייהם' זענען זייערע אויגן אייביג געווען אפן פאר כלל ישראל, און זייערע הערצער ברייט אויפגעפראלט צו העלפן א צווייטן איד אין זיין נויט, זענען געוויס 'במיתתם' אויף א העכערע מדריגה צו קענען ממשיך זיין אין טראגן דעם 'משא העם' און משפיע זיין פון גן עדן ברכות און ישועות פאר אידן.

### און ווער דארף דען נישט היינט ישועות?

זינט דאס הסתלקות פון כ"ק מרן אדמו"ר רבי שמואל שמעלקי מחוסט זצוק"ל מיט דריי יאר צוריק, איז דער ציון המצויינת פון דער חוסטער רבי אין ביה"ח הר שלום אין מאנסי פארוואנדלט געווארן אין א מקום ישועות פאר צרכי בית ישראל. אידן פון אלע שיכטן און קרייזן קומען אהין מתפלל זיין און מעורר רחמים זיין ביים צדיק וואס איז בחייו געווען אינגאנצן איבערגעגעבן פאר כלל ישראל, ער זאל זיין זייער שליח נאמן פאר'ן כסא הכבוד און זיי ברענגען א ישועה פון מקור הברכה.







# ווער וויל דען נישט אריכת ימים?

## קויפט א חלקה, האנדלט איין די סגולה.

טויזנטער חלקות
שוין פארקויפט פאר
קהלות משפחות און
יחידים

חלקות איינגעטיילט
לויט פארשידנארטיגע
מנהגים און מסורות

פאר מער אינפארמאציע אדער צו קויפן חלקות רופט:

**845.400.2227**

REASONABLE RATES | NO MEMBERSHIP REQUIRED | NO ADDITIONAL FEES


צו באקומען די לוח הציבור טעגליך אויף אימעיל
**Subscribe@monseyluach.com**


# נישט בלויז א קיאסק,
# און אפיס עקספיריענס.



סוויל זיך נישט אוועקגיין!

- געשמאק
- לופטיג
- נייע קאמפיוטערס
- רואיג
- רחבותדיג
- גרויסע סקרינס

KOSHER DESK
55 Union Rd
Second floor
Hours
7:00 am to 2 am
אנטקעגן ביהמ"ד החדש זוועהיל

NEW! CHOOSE YOU'RE OWN FILTER LEVEL


## חבורת המוקבלים מהרח"ו צפת עיר הקודש

אחר התיקון הגדול שפדינו 26,249 תעניתים, און אסאך זענען נישט אנגעקומען זיך איינצושרייבן צייטליך, גרייט מר זיך פאר די קומענדיגע מאנטאג ב' תרומה ער"ח אדר צו מאכן נאכמאל דעם תיקון - ואשרי הזוכה 917-460-0415

משכן להלכה למעשה

# פון לימוד
# צו למעשה




• קליינע קלאסן
• באקוועמע שעות
• פערזענליכע באגלייטונג

בעזרת ה' ספעשעל

Bracha Steinhaus | +1-972-54-840-8536

די קורסן ווערן געגעבן סיי אין אידיש און ווי אויך אין ענגליש,
אין מאנסי, ברוקלין און לעיקוואוד.

מיט פילע המלצות פון גדולי הרבנים שליט"א און ארגאניזאציעס

די שיעורים הייבן זיך אן באלד נאך פסח הבעל"ט

פאר רעגיסטראציע און מער פרטים ביטע רופט:
טעלעפאן: 1845-731-6009
אימעיל: INFO@MISHKANLL.COM

## סופר סת"ם
שיעורים וואס דעקן אלע הלכות און מנהגים וואס זענען נוגע אויף צו ווערן א מוצלח'דיגע סופר סת"ם. באגלייט מיט טריט-נאך-טריט פראקטישע אנווייזונגען, אנהייבנדיג פון די יסודות ווי צו בויען אותיות ביז צו פראדוצירן אייגענע סת"ם.

## שוחט ובודק
שיעורים אין אלע הלכות וואס זענען נוגע צו ווערן א געלונגענע שו"ב. פראקטישע טרענירונג ,אין ווי אזוי צו שטעלן א חלף און עס אויסשארפן, אינאיינעם מיט פילע פראקטישע הוראות און הדרכות ביז צו למעשה'דיגע שחיטה.

## מוהלות
שיעורים וואס נעמען ארום אלע הלכות, השקפות און מנהגים וואס זענען שייך צו די מצוות מילה, אינאיינעם מיט די נויטיגע מעדיצינישע וויסנשאפט וואס א מוהל מומחה דארף וויסן, פראקטישע הוראות און הדרכות מיט למעשה'דיגע שימוש.

## משגיח כשרות
שיעורים וואס נעמען ארום אלע הלכות וואס זענען געאיינגט אויף צו זיין א משגיח כשרות, ווי אויך פראקטישע טרענירונגען, צוזאמען מיט למעשה'דיגע באזוכן אין פאבריקן, ווי אויך לעבעדיגע פרעזענטאציעס און פראקטישע הדרכות צו קענען אויספילן דעם טאג טעגליכן עבודת הקודש אלץ א משגיח כשרות.

**שיעורים בקרוב**
ניקור, בדיקת שעטנז און נאך




צו אדווערטייזן אדער מעלדן אייער שמחה רופט: 845.425.4300

# זונטאג ענערגיע

"די שטעקער ארבעט נישט" איז געווען די פארפאניקטער מעלדונג וואס מיין חבר האט ערהאלטן פון זיין געטרייען טענענט. "אלע?!" האט ער צוריקגעפרעגט, פרובירנדיג צו אפשאצן די ערנסטקייט פון דער סיטואציע, "אין דער קוך זיכער נישט, די דיינינג רום האב איך נאכנישט פרובירט." א קאלטער שווייס האט ארומגענומען מיין חבר. קוים וואס ער האט באוויזן צונויפצוקראצן די נויטיגע פאנדן זיך איינצוהאנדלען דעם אינוועסטמענט קרקע, זיך איינגעצויגן דעם פאסיק, צוזאמגעבארגט פון א האלבער שטאט, און געשוויצט פאר חדשים ביז ענדליך האלט ער שוין דא, די דירה געקויפט און דעם טענענט איינגעווארצלט אין איר. און אצינד... הייבן זיך אן די צרות.

א גאנצן טאג זענען זיי געווען פארנומען גיין אהין און צוריק, דער טענענט הייבט אן סטראשען אז ער וועט אראפנעמען פון דער רענט ווען מיין חבר פרובירט צו ניצן יעדע חכמה אויפן פלאנעט אריינצוגעבן א רוח חיים אין די טויטע שטעקערס. ווען די נאכט האט אנגעהויבן צופאלן, ארום זעקס אזייגער איז דער טענענט שוין געווארן אגרעסיוו, "מיין סעלפאון האלט ביים שטארבן, עס מוז ווערן פאררעכטן יעצט!"

זענדיג אז עס איז נישטא קיין ברירה האט מיין חבר באשלאסן צו אראפרופן אן עלעקטרישען, וכאשר אבדתי, אבדתי. נאר איין לעצטן ווינטש האט ער געהאט, ער האט אנגערופן דעם טענענט און אויסגעפרעגט אביסל, "וויאזוי ווייסטו אז עס ארבעט נישט?" יענער האט נישט פארשטאנען די פראגע בכלל, "ווייל מיין סעלפאון טשארדזשער ארבעט נישט" איז געווען זיין פשוט'ער ענטפער. מיין חבר האט נישט נאכגעלאזט, "האסטו פרובירט עפעס אנדערש אויך?"

דא איז געקומען די דורכבראך, "עממממ... נאכנישט". פון דא קען זיך יעדער אליין פארשטעלן די ענדע פונעם מעשה, מען האט פרובירט עפעס אנדערש און די פלאגס האבן וואונדערליך געארבעט.

וויפיל מאל האבן מיר טענות אויף יענעם, ווען דער אמת איז אז מיר זענען גאר די פראבלעם?! עס קען זיין אז נאר איך האב דעם פראבלעם, אבער אויף יעדן פאל איז עס זיכער וויכטיג דאס צו נאכקוקן. "קשוט עצמך ואחר כך קשוט אחרים", זאגן אונז חז"ל.

***

א צווייטער עפיזאד האב איך מיטגעהאלטן איין אינדערפרי, ווען אן אויטא האט זיך אפגעשטעלט ביי אונז אין בית המדרש, ברענגענדיג עטליכע אידן פון ארץ ישראל וועלכע גייען ארום קלויבן נדבות. די חברה האבן נישט געווארט אויף קיין איבריגע כיבודים, נאר זענען גראד צוגעגאנגען צו זייער עבודת הקודש. איינער פון זיי, א מיטל-יעריגער איד, האט זיך פונקט געטראפן מיט א יוגנט-פריינד און האט מיט אים פארפירט א פריינטליכע שמועס, אנגעהויבן מיט די טיפישע - "וואס טוט זיך עפעס גוט..." "וואס טוהסטו היינט פאר פרנסה" סטיל פראגעס, אבער איז גלייך געפארן פיל ווייטער פון דעם.

גייט נישט דורך קיין צוויי מינוט און דער דרייווער פונעם אויטא קומט אריין אין בית המדרש צושטורעמט אינגאנצן און מיט בייזע קללות האלט ער אפיר דעם אינגערמאן, "ביסט אינגאנצן משוגע? יעצט איז נישט די צייט צו פארברענגען!" האט ער אים באזידלט "גיי ארום קלויבן און קום שוין, מען דארף פארן!" דער משולח האט גארנישט צוריקגעענטפערט, ער האט דערהערט דאס ווארט און זיך שנעל צוזאמגענומען צו גיין.

איך האב געקלערט צו מיר, אונז זענען דאך דא אויף דער וועלט אויף א יריד, מיר האבן די שאנס אריינצוכאפן און זיך איינקויפן א געוואלד. וויפיל מאל ווערן מיר פארשמועסט אין א זאפטיגע שמועס, און אנשטאט אויפצוטון עפעס פארברענגט מען די צייט?! און איך מיין נישט דוקא שמועסן, נאר יעדער זאך וואס האט נישט קיין תכלית. עס מאכט זיך, עס פעלט אונז אבער דער נערוועזער דרייווער וואס זאל אנקומען און אונז אויפוועקן פון שלאף. "אינגערמאן, יעצט איז נישט די צייט צו פארברענגען"...

שרגא ליפשיץ

שיקט אריין אייערע קאמענטארן און הערות צו sundayenergyLH@gmail.com

Lowest rates as of 1.30.26

DSCR SFR Purchase
LTV: 85%
PPP: 5 Years
Rate: 6.49%

DSCR SFR Cash-Out Refi
LTV 75%
PPP: None
Rate: 6.49%

DSCR SFR Purchase
LTV: 75%
PPP: 5 Years
Rate: 5.875%

DSCR 5-10 unit Purchase
LTV: 75%
PPP: 5 Years
Rate: 7.125%

Fix & Flip
LTV: 90/100 90% Purchase/ 100% Construction
PPP: None
Rate: 8.75%

EQUAL HOUSING LENDER
YS Capital Group is a licensed mortgage lender. NMLS #2609746, and an Equal Housing Lender. Business-purpose loans only. Not for personal use. Not a commitment to lend. Terms may change.

YS CAPITAL GROUP
the answer is yes.

Call today to get your mortgage started
718-831-2168
sales@yscapgroup com





מיר פייטן אלע אייערע טרעפיק טיקעטס.

ביליגע פרייזן

רופט אדער טעקסט
347.565.4216

"The Heating Cooling Doctor"
The Best in The Business for Repair of Every Type of Heating System-Boiler-Furnace-Mini Split-Thermostat-Radiator-Water Heater-Tankless System
Call 24 hours: 646-820-0196

"The Commercial Refrigeration Doctor"
The Best in The Business for Repair of Every Type of Commercial-Refrigerator-Freezer-Walk In-Reach In-Merchandise Display-Ice Machines
Call 24 hours: 929-486-1587

ELEVATE RENTALS
YOUR PROPERTY, OUR PRIORITY

# א לענדלארד דארף נישט האבן אזויפיל קאפ ווייי!

Do you own an investment property in the Rockland area?

שפארט אייך קאפ ווייטאג, מיר וועלן אייך טרעפן פאסיגע און געטריבארע טענענטס!

Call / text 347-762-3623 | Elevaterentalsny@gmail.com

# הילולא דצדיקיא



**יארצייט פונעם טאג - כ"ח שבט - שנת תרצ"ו**

**האדמו"ר רבי מנחם נחום טווערסקי מראחמיסטריווקא**

**געבוירן:** שנת ת"ר

**זיין טאטע:** האדמו"ר רבי יוחנן טווערסקי מראחמיסטריווקא

**זיינע זין:** מ"מ האדמו"ר רבי אברהם דוב. מ"מ האדמו"ר רבי דוד. רבי יעקב יוסף. רבי משה.

**זיין איידעם:** רבי חיים משה צבי טווערסקי מהארנסטייפל

**זיינע רבי'ס:** אביו. דודו האדמו"ר רבי יצחק מסקווירא.

מיר האבן אין די פארגאנגענהייט שוין געשריבן גאר אין קורצן די ביארגאפישע שטריכן פון דעם זעקס און ניינציג יעריגן קייט פון עבודת השם, דאס לעבן פונעם ראחמיסטריווקער רבי'ן, רבי נחומ'טשע. און אצינד עטליכע עובדות פון זיינע קינדער יארן:

אמאל אלץ יונג קינד, איז רבינו זצ"ל געווען ביים הייליגן טאטן אין שטוב, בקודש פנימה, ווען א איד איז אריינגעקומען צום רבי'ן מיט א קוויטל, און נאכדעם וואס דער רבי האט געענדיגט ליינען דעם קוויטל, האט דאס קינד גענומען דעם קוויטל און אויך אריינגעקוקט דערין, ווען זיין פאטער האט דאס געזען, האט ער אים געזאגט, "דו קענסט שוין זיין א רבי...".

דער פאטער האט ווייטער גערעדט צום קינד, הייליגע ווערטער, און אים געזאגט, "וואס איז דאס א רבי, ווען מ'זעט א גרויסע ציבור און צווישן זיי זענען דא חסידים, לומדים, רבנים און אזוי ווייטער, און ווען דער רבי קומט אריין שטעלן זיי זיך אלע אויף פאר אים און מ'זעצט אים בראש, און ער טראכט אריין ביי זיך אין הארץ וויאזוי ער איז אנגעקומען צום דעם גאנצן כבוד, וואס ער איז בכלל נישט ראוי דערצו, און דורכדעם ווערט אים דאס הארץ זייער צובראכן, און מיט דעם צובראכנקייט ווערט אין דיר ארײנשיינען דעם זיידנ'ס זכות (דער מאור עינים), און דעם טאטנ'ס זכות, (דער טשערנאבילער מגיד) - ווערט מען א רבי".

האט פאסירט אמאל, ווען רבינו זצ"ל איז געווען א קינד, און דער פאטער איז אוועק געפארן פון שטוב. פונקט איז אנגעקומען א איד וואס האט געוואלט אריינגיין צום רבי'ן, דאס קינד האט אים געזאגט אז דער פאטער איז אוועק געפארן. דער איד האט געגעבן א ביטערן קרעכץ און א טרער האט זיך אים אראפ געגליטשט, דאס קינד האט דאס נישט געקענט צוקוקן און געבעטן דעם איד זאל אים דערציילן וואס דריקט אים. דער איד האט דערציילט פארן קינד אז ער האט א קרעטשמע, אבער לעצטנס האט ער געהאט א שווערע תקופה און האט זיך גענויטיגט וויכטיג אין געלט, האט ער געבארגט א גרויסן סכום פונעם פריץ, למעשה אבער האט די קרעטשמע ווייטער געהאט א שוואכן סעזאן, און אט קומט דער זמן ווען ער דארף אפצאלן דעם פריץ, און אויב נישט וועט זיין ביטער.

ווען רבינו זצ"ל האט געהערט די ווערטער פון דעם איד, האט דאס אים אנגערירט אין הארצן, און ער האט געזאגט פאר דעם איד מיט א זיכערקייט אז ער קען אהיימפארן און זאל גארנישט מורא האבן, וייל ער וועט זיכער געהאלפן ווערן. דער איד האט געהאט אן אויסטערלישע אמונת צדיקים, און האט אנגענומען די ווערטער פונעם קינד, און איז אהיים געפארן מיט א רואיגקייט.

עטליכע טעג שפעטער, איז דער פריץ אריינגעקומען אין קרעטשמע, און געטרונקן א גלעזל וואס ער האט זייער ליב געהאט, האט ער געבעטן נאך און נאך פונעם זעלבן פאס בראנפן. ווען ער איז שוין געווען שיכור ווי לוט, האט ער געבעטן דעם איד זאל אוועק לייגן דעם פאס, און נישט פארקויפן דערפון פאר קיינעם נאר פאר אים, דער איד האט מסכים געווען, אבער דער פריץ האט געוואלט זיין זיכער, האט ער ארויסגענומען א פאפיר פון טאש, נישט קוקנדיג וואס דאס איז, און געהייסן דעם איד פארשטאפן דעם פאס בראנפן מיט דעם פאפיר, אז ער זאל געדענקן אז דער פאס געהערט צום פריץ. דער איד האט גענומען דאס צעטל, און דער פריץ איז ארויס.

דער איד האט א קוק געטון אויפן פאפיר פונעם פריץ, און געזען אז דאס איז זיין שטר חוב. עטליכע טעג שפעטער איז געקומען דער צייט צו באצאלן, איז דער איד געגאנגען צום פריץ, און אים געזאגט אז ער האט דאס געלט צו באצאלן, אבער דער פריץ דארף אים אפגעבן דעם שטר חוב, אז מ'זאל נישט קענען מאנען נאכאמאל... רבינו זצ"ל פלעגט אויספירן די מעשה, "און דער פריץ האלט נאך אין איין זוכן דעם וועקסיל....".

**זכר צדיק לברכה!**



נדבכו של הרה"ק ר' ישעי'לע קערעסטירער זי"ע
רב להושיע
ר' ישעילעס צדקה בארה"ק
שע"י נכדי רבינו זי"ע
ממשיכי דרכו
ישועות
רפואות
pivotgroup.nyc
רבי ישעי'לע פלעגט שטענדיג זאגן:
ישועות פועל'ט מען ביי מלוה מלכה!
עושה חסד לאלפים:
נעמט יעצט א חלק אין די גרעסטע וועכנטליכע
מלוה מלכה אין די וועלט, וואו איבער טויזענט
ישיבה בחורים עסן מלוה מלכה יעדן מוצאי שבת
רבי ישעי'לעס
מלוה דמלכה
יובל העשור • ירושלים עיה"ק
בהנהלת נכדי רבינו, האחים ר' משה שמואל ור' מאיר יהוסף ראטטענבערג שליט"א
גיבט אפ אייער נדבה אויף:
718.682.5056
Quick pay: qp@ravlehoshia.org
PayPal: paypal@ravlehoshia.org
RavLehoishia.org/mm

# לידיעת הציבור

## ספאנסער

שפארט אסאך געלט אויף אייער קאר אינשורענס,
מיט אונזער דיפענסיוו-קלאס.
רופט אדער טעקסט יעצט גאו-דרייוו
845.600.4444
GoDriveMonsey@gmail.com
פארוואס לערנט יעדער דרייוון ביי גאו-דרייוו?
ווייל יעדער וויל דרייוון פראפעשינאל און שפארן געלט.

## נולד בן נתרפא

אין א זעלטענעם פאל האט כ"ק אדמו"ר מסקווירא שליט"א געמאכט א ברכת "להכניסו" ביי א רירנדער ברית וואס איז אפגעהאלטן געווארן בביתו נאוה קודש דעם פארגאנגענעם דינסטאג.

דער רך הנולד איז א זון פון האברך החשוב ברוך אברהם בן חוה יוטא לרפו"ש מחשובי אברכי שיכון סקווירא, וועלכער איז געווארן אראפגעקלאפט דורך א שיכור'ן דרייווער פאריאר חודש סיון תשפ"ה, איבערלעבענדיג מיט נסים, אבער איז שווער געשעדיגט געווארן, און האלט נאך אינמיטן די ערהוילונגס פראצעדור.

לעצטע וואך איז ביים יונגערמאן געבוירן א בן זכר למזל טוב, ונולד בן נתרפא כל המשפחה, די וואכנאכט איז אפגעהאלטן געווארן מאנטאג נאכט אינעם ריהעב, און ס'איז געווען א גרויסע שמחה, ווען דער אבי הבן האט געקענט מיטהאלטן די שמחה, זייענדיג שוין ב"ה ביי די כוחות.

ביים וואכנאכט האבן זיך באטייליגט די קינדער פון כ"ק אדמו"ר מסקווירא שליט"א, הרה"צ ר' יצחק און הרה"צ ר' יעקב יוסף, וועלכע האבן פארברענגט א לענגערע צייט מיט ווארעמע התחזקות, ברכות און ריקודין.

צומארגנס דינסטאג נאך די בריתין אין ביהמ"ד הגדול, איז פארגעקומען דער ברית בביתו נאוה קודש פונעם סקווערער רבי'ן שליט"א, בהשתתפות פון אלע בני המשפחה, ובראשם דער אבי הבן לרפו"ש, און היות ס'קומט אים נאך אן זייער שווער צו רעדן, האט דער רבי אין א זעלטענע פאל געמאכט די ברכת "להכניסו" בשליחת האב.

נאכ'ן ברית איז פארגעקומען א ספעציעלע מסיבת לחיים ביים רבי'ן אין שטוב, דער רבי האט מכבד געווען דעם אבי הבן מיט יום ליבשה כנהוג, און פארטיילט לעקאך און ברוינפן און שטארק מחזק געווען און געוואונטשן דעם אבי הבן ער זאל קומען צו די כוחות און גענצליך ערהוילט ווערן בבריאות השלימות.

## אבי יתומים

אין חצר הקודש ביאלא איז פארלאפענעם וואך פארגעקומען די רירענדע שמחת החאלאקע פארן א אייניקל פון כ"ק אדמו"ר מביאלא שליט"א, א יתום מאב ל"ע, א זון פונעם רבינ'ס אומפארגעסליכן זון האברך החשוב ר' ישראל אברהם משה ראבינאוויטש ז"ל, וועלכע איז ליידער פריצייטיג אוועקגעריסן געווארן בדמי ימיו מיט קרוב צו צוויי יאר צוריק, איבערלאזענדיג אין איינציג קינד זייענדיג דאן קוים איין יאר אלט.

זינט די פטירה, איז עינו וליבו פונעם רבי'ן געוואנדן צו די הצלחה פונעם אייניקל דער יתום, דער רבי איז שטענדיג דורש בשלומו, און מאכט זיכער אז ער וואקסט און שטייגט על דרך התורה והיראה, ווערנדיג אויפגעצויגן מעבר לים אין מאנטשעסטער.

פאריגן דאנערשטאג איז דער קינד געווארן דריי יאר אלט, און דער דערהויבענע מעמד החאלאקע איז פארגעקומען במחיצתו פונעם זיידן כ"ק אדמו"ר מביאלא שליט"א, און די גאנצע משפחה פונעם קינד וועלכע וואוינען אין מאנטשעסטער זענען ארויסגעקומען קיין ארה"ק לרגל די שמחה הגדולה.

נאך תפלת שחרית איז דער רבי שליט"א

אנגעקומען צום תלמוד תורה וויזניץ אויף רחוב חנה אין ירושלים, ווי עס איז פארגעקומען די מעמד "חדר פירן", דער רבי שליט"א האט אפגעראכטן א מסיבת לחיים און פארטיילט מיני מתיקה פאר די קינדער.

שפעטער נאכמיטאג האט דער רבי שליט"א אפגעראכטן א דערהויבענע מעמד חאלקא בראש קהל חסידיו אינעם גרויסן זאל על יד בית המדרש הגדול ביאלא, ווי מען האט אויך געהאט די זכי' צו ענטפאנגען די געהויבענע עלטער זיידע כ"ק אדמו"ר מקאפשניץ שליט"א חותן המלך פונעם ביאלא רבי"ן שליט"א.

דער ציבור האט געזינגען ניגוני התעוררות פאר לענגערע מינוטין, דערנאך האט דער רבי שליט"א מכבד געווען חותנו הגדול כ"ק אדמו"ר מקאפיטשניץ שליט"א און זיין מחותן הרב יהודה איסלער פון מאנטשעסטער אפצושערן די האר פונעם קינד, דערויף האט דער רבי שליט"א אליינס אפגעשוירן זיין באליבטן איינקל.

נאכן אפשערן האט דער רבי פארגעלערנט א שטיקל אין ספה"ק קדושת לוי כנהוג ביי א חאלאקע, בחומר הדברים אנבאלאנגט ביי האר, דערויף האט דער רבי פארגעזאגט די א' ב' אינאיינעם מיטן קינד, און געגעבן צו לעקן האניג, און דערנאך אפגעראכטן א שולחן לחיים און פארטיילט לעקעך פארן גאנצן ציבור.

## המקום אשר היה אהלו בתחילה

אין אן אייגנארטיגע שריט פון תורה מחזרת על אכסניא שלה, איז כ"ק אדמו"ר מסאדיגורא שליט"א היינט אנגעקומען קיין עיה"ק ירושלים, וואו דער רבי האט באשיינט בראש המסובים ביים מעמד "כינוס התלמידים" פאר אלע תלמידים, בוגרים און יוצאי ישיבת גייטסהעד וואס לערנען אדער וואוינען אין ארץ ישראל, דער כינוס איז אפגעהאלטן געווארן אינעם פראכטפולן זאל פון "דזשרוזאלעם פלאם" אין די רוממה געגענט, אין בעפארברייטונג צום אלטוועלטליכן קאמפיין לטובת דעם בארימטן מבצר התורה פון די גייטסהעדער ישיבה אין ענגלאנד.

דער רבי שליט"א, וועלכער האט עטליכער יאר משנות בחרותו זיך משלים געווען בתורה אין די בארימטע גייטסהעדער ישיבה און איז מבחירי תלמידי' איז אנגעקומען זיך משתתף זיין ביים מעמד אויפן פערזענליכן איינלאדענונג פונעם משגיח הישיבה, הגאון רבי מרדכי יוסף קארנאווסקי שליט"א, וועלכער איז ספעציעל געקומען צופארן צו באשיינען דעם מעמד, און איז אראפגעפארן בטירחא דגברא רבה קיין בני ברק פערזענליך איינצולאדענען דעם רבי"ן. דער רבי שליט"א האט אויפגענומען דעם חשובן גאסט ביותרת הכבוד און האט געשמועסט מיטן משגיח מיט א אויסטערלישע ביטול און הכנעה. שפעטער האט דער רבי ארויסגעשיקט די אנוועזנדע פון צימער און ווייטער פארברענגט פריוואט מיטן משגיח אויף א פריוואטער פארנעם.

ווי געזאגט איז דער רבי שליט"א נעכטן ערשינען צום כינוס אין ירושלים וואו ער האט זיך צונויפגעטראפן מיט זיין גירסא דינקותא די הונדערטער בוגרים וואס האבן זיך משתתף געווען ביים מעמד. בשעתן מעמד האט דער רבי מעיין געווען אין די פריש-ערשינענע "הגדה של פסח" מדברי תורתו פון מורו ורבו דער ראש ישיבה הגאון הגדול רבי אברהם גורביץ שליט"א, וואס איז פון פריש ארויס פון דרוק לקראת חג הפסח.

באזונדער האט דער רבי שליט"א א לענגערע וויילע פארברענגט צווישן די תלמידים און בוגרים, שמועסנדיג בסבר פנים יפות מיט זיינע גוטע פריינד פון די בחורישע יארן ווען ער האט מקיים געווען דעם הוי גולה למקום תורה. ספעציעל האט זיך דער רבי באגריסט מיט די רמ"י הישיבה פון ווען ער האט מקבל געווען לקחה של תורה, צווישן זיי הגאון רבי אליהו גורביץ שליט"א א זון פונעם ראש ישיבה, מיט וועמען דער רבי האט ארומגעשמועסט זכרונות נעימים פון דעם מקום אשר היה שם אהלו בתחילה, און בפרט וואו ער האט זוכה געווען צו א קירבה יתירה ביי זיין פאטער דער ראש הישיבה שליט"א.

דער רבי שליט"א האט דערביי גענומען אויף זיך צו שאפן דער סכום פון 3,600 ענגלישע פונט ביים בעפארשטייענדע קאמפיין לטובת די ישיבה, אלס הכרת הטוב פארן חשובן מבצר התורה וואס האט אין לויף פון די יארן ארויסגעגעבן אזויפיל טויזענטער תלמידים לשם ולתפארת.


מאנסי'ס אידישע טעקסי. 845.848.5555
BERRY'S Car Service בעריס
RESERVE CAR IN ADVANCE • BOOK STEADY TRIPS • LOCAL & LONG DISTANCE • HEIMISHE LADY DRIVERS • ארנטליכע אידישע דרייווערס




צו אדווערטייזן אדער מעלדן אייער שמחה רופט: 845.425.4300




**Violation Expert**

האט איר באקומען א Violation אויף אייער Property אדער הויז אין ראקלענד קאונטי? האט איר א Rental Registry וואס איר דארפט מסדר זיין? אדער שטייט איר אויס אן Inspection?
מיר וועלן אייך אלעס מסדר זיין אויפן בעסטן אופן און אראפנעמען די גאנצע קאפּוויטאג פון אייך.
רופט: **845-579-2242** אדער שיקט אן אימעיל צו **symbeassociation@gmail.com**
אויך טוען מיר Management פאר ביז 4 family properties.

איבערן גלעזל קאווע

איינער האט אן עצה... איך זוך א וועג צו זאגן פאר מיין באלעבאס אז איך וויל מער נישט ארבעטן, אבער ווייטער באקומען געלט...

**לאז דעם עבר גיין, זיי מקבל דעם הוה, און האב בטחון אויפן עתיד!**

אויב איר פארט א לאנגע וועג און ווילט נישט איינשלאפן, הערט אויס עפעס לאכעדיג, מ'קען נישט איינשלאפן אינמיטן לאכן.



Gateshead Yeshiva - ישיבת בית יוסף




מודעה רבה לאורייתא

בשמחת התורה ובהוקרת חכמי התורה שמחים אנו להודיע אודות

# שיחת מוסר

שימסר ע"י אורחינו הדגול

## מרן המשגיח הגאון הגדול רבי מרדכי יוסף קארנאווסקי שליט"א

משגיח ישיבת בית יוסף דבית יוסף דגייטסהעד

אשר שמו נודע בשערים בשיחותיו הנפלאות וכבר העמיד אלפים תלמידים בכל רחבי תבל

אשר זכינו שבא לשכון כבוד ולבקר בעירינו

**בשליחות מרן ראש הישיבה הגאון הגדול רבי אברהם גורוויץ שליט"א**

ראש ישיבה דבית יוסף דגייטסהעד

לרגל מגבית חירום לטובת הישיבה הקדושה שנמצא כעת במצוקה כספית קשה

## ביום א' פרשת תרומה הבעל"ט

מנחה בשעה 1:00

**בכולל באבוב**

20 Jill Lane Monsey

**בואו בהמוניכם ושמעו ותחי נפשכם**

החותמים למען כבוד התורה וחכמיה

ידידי ישיבת בית יוסף דגייטסהעד מאנסי



One YESHIVA GLOBAL Impact

Gateshead Yeshiva ישיבת בית יוסף



צו אדווערטייזען אדער מעלדן אייער שמחה רופט: 845.425.4300



# יארצייטן

## פון צדיקים און גאונים

### כ"ח שבט

תי"ז — הג"ר **יעקב דוד קאפל** בהג"ר **נפתלי צבי הירש** זצ"ל
דומ"ץ ווינא

תקכ"ה — הג"ר **יהודה** בהג"ר **מאיר** זצ"ל
דומ"ץ ניישטאדט

תק"מ — הג"ר **אהרן** בהג"ר **יצחק הלוי** זצ"ל
אב"ד הובנוב

תקס"ה — הג"ר **עזרא אפרים** בהג"ר **רפאל שלמה לאניאדו** זצ"ל
מארם צובה

תקפ"ז — הג"ר **דוד יצחק** בהג"ר **גרשון באכנער** זצ"ל
מפיעטרקוב - בית דוד

תרל"ג — הג"ר **ארי' לייבוש** בהג"ר **יצחק הלוי נאטענזאהן** זצ"ל
מבערזאן

תרפ"ב — הג"ר **ישראל** בהג"ר **אליקים געציל** זצ"ל
מליטשניץ

תר"צ — הג"ר **ישראל ניסן** בהג"ר **משה ארי' קופערשטאק** זצ"ל
אב"ד מאקאווא

תרצ"ו — הג"ר **שלום יוסף** בהג"ר **ישראל פריעדמאן** זצ"ל
מסאדיגורא

תרצ"ו — הג"ר **מנחם נחום** בהג"ר **יוחנן טווערסקי** זצ"ל
מראחמסטריווקא

תשל"א — הג"ר **יוזפא** בהג"ר **צבי הירש פריעדלענדער** זצ"ל
מליסקא

תשל"ט — הג"ר **מרדכי** בהג"ר **גדלי' משה גאלדמאן** זצ"ל
מזוויהל

תשע"ט — הג"ר **נתן דוד** בהג"ר **יצחק אייזיק ראזענבוים** זצ"ל
מזוטשקא

זכותם תגן עלינו ועל כל ישראל

# יזכרם

זכרון שמות הנעדרים
שלא הניחו אחריהם זש"ק

נא להדליק נר וללמוד משניות וכדו' לעילוי נשמתם

**כ"ח שבט**

צו אריינשרייבען נעמען אימעיל List@yizkereim.info

הב' אברהם ב"ר מאיר פסח הלוי (בדמן) – תשפ"א [אר"י] • הילד אברהם מאיר ב"ר יוסף נתנאל – תשפ"ב [שיכון סקווירא] • הילד אברהם מאיר ב"ר ניסן הכהן (קויפמאן) – תרפ"ג [וואשינגטאן, נ.י.] • ר' אלטר משה ב"ר מנחם יודא (ראטה) – תשע"ג [קרית יואל] • הב' אליקים געציל ב"ר חיים אלטר – תר"ע [סיגוט, רומעניא] • אלכסנדר ב"ר אברהם • דוד ארי' ב"ר אלי' הכהן (כהן) – תשע"ד [LI בית משה] • הב' זאב ב"ר יצחק יהודא (ראטה) - תש"ג [אונגוואר, אוקריינא] • ר' חיים אפרים פישל ב"ר קהת (גערטנער) – תש"ן [בני ברק, פאנאוויזש] • הב' יהודא לייב ב"ר שמעון (סאטענשפיל) – תרפ"ח [מט חברון] • הב' יהושע פאליק ב"ר משה (דויטש) – תשס"ז [ביה"ח נתני'] • ר' יואל צבי ב"ר יצחק אייזיק (קריגסמאן) – תש"מ • הב' יוסף ב"ר משה אורי – תשע"ח [אר"י] • הב' יעקב ב"ר יצחק הלוי (פרענקיל) – תרס"א [בערעגסאז, אוקריינא] • הב' יצחק ירוחם ב"ר יוסף יעקב הלוי (גאטליעב) – תרמ"ה [קאלוב, אונגארן] • ר' ישראל ב"ר אברהם יהושע העשיל (העשיל) – תשנ"ג [LI חל' טשערנאביל] • הב' משה שמואל ב"ר לייב (כהנא) – תרע"ג [סיגוט, רומעניא] • הב' נחמן ב"ר אפרים (שטיין) – תרע"ב [סיגוט, רומעניא] • הב' נחמן צבי ב"ר יעקב דוד (קרוטהמר) – תרע"ד [טבריא] • הב' עקיבא ב"ר לייב – תרפ"ג [וואשינגטאן נ.י.] • הילד צבי ב"ר יעקב הכהן – תרצ"ט [בילקע, אוקריינא] • צבי הירש ב"ר נחום (שווארטץ) הי"ד – תשפ"ג [קרית יואל] • הילד שלמה זלמן ב"ר מרדכי ארי' הלוי (לעווי) – תש"ז [קא־שוי, סלאוואקיי] • ר' שמעון ב"ר אברהם (שפורן) – תשע"ח [בית שמש, דרך החיים] • הב' שמשון ב"ר נפתלי – תשפ"ב הבתולה אסתר ב"ר שלום יהודא הלוי (גרינבערגער) – תרפ"ג [מט ציון, חל' אנשי אונגארן] • אסתר גיטל ב"ר גרשון יעקב (שווארצוואלד) – תרצ"ג [בית דוד] • הילדה ברכה פעשא ב"ר יעקב יצחק – תשמ"א [LI חל' שינאווא] • דבורה ב"ר יצחק • הבתולה דבורה ב"ר מנחם דוד הלוי (ריינער) – תש"כ [ב"ב, זכרון מאיר] • הילדה דרעזיא ב"ר נתן נטע – תרל"ט [סיגוט, רומעניא] • הבתולה חי' חנה ב"ר משה דוד (גראס) – תרפ"ט [וואיא, אונגארן] • מרת חנה גיטל ב"ר יעקב (טאלסטאי) - תרפ"ה [ליבערטי נ.י.] • הילדה יודית ב"ר אברהם (גוטבלאט) – תרע"ט [מט יהודא] • הבתולה יודית ב"ר בנימין יואל – תרצ"ט [באַרדיוב, סלאוואקיי] • הילדה מירל ב"ר מנחם דוד הלוי – תש"כ [ב"ב, זכרון מאיר] • פייגא האדיל ב"ר יחיאל מאיר (זאלצשטיין) – תרע"ט [מט ציון] • הרבנית פריידא ב"ר יצחק (פערלאוו) – תשד"מ [LI חל' הסתדרות] • הבתולה רבקה מיריש ב"ר נחמן צבי – תשל"ג [NJ] • רינה ב"ר סעדי' צבי (ברעזניק) – תשנ"ד [מאנטיסעלא, חל' אוהב שלום]


# האט איר שוין גערופן אייערע עלטערן היינט?



Fixer Mentch

• Furniture Assembly • Shelving
• Light Fixtures • Wall Patching,
and more.

845-453-2512

פדיון הבן מטבעות

שוין דא צו באקומען די נייע ספעציעל געמאכט פדיון הבן מטבעות ענבי,

פון רייין זילבער, מיט די ריכטיגע וואג, בהשגחת הרבנים,

צו באקומען אין אלע יודאיקה געשעפטן.

אדער רופט: 718-791-8250 (NY)
718-710-1134(Monsey)

Adanac Locksmiths

Residential • Commercial • Institutional



Lowest price in Town
